**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/31/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג אינמיטן אנגייענדע אָווערדאָוז קריזיס, אנאנסירט גאווערנער האקול נייע מידיע קאמפיין אריבער די סטעיט און פאדקאסט סעריע צו אויפקלערן פובליקום און באקאנט מאכן סערוויסעס דא צו באקומען אין ניו יארק סטעיט**

***קאמפיין קאנצענטרירט אויף סכנות פון פענטאניל, אויפקלערונג איבער שאדן רעדוקציע און איבער וויאזוי זיך צו ווענדן פאר הילף מיט אדיקשען***

***OASAS קומט ארויס מיט שותפות מיט NEXT Distro צו צושטעלן נעילאַקסאָן אומזיסט פאר אלע ניו יארקער***

***וועכנטליכע פאדקאסט סעריע וועט איבערגעבן קריטישע אינפארמאציע און מארח זיין אדיקשען סערוויסעס פראפעסיאנאלן און אזעלכע וועלכע זענען דירעקט באטראפן געווארן דורך אדיקשען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון א נייע מידיע קאמפיין אריבער די סטעיט צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט אדיקשען און מיט די סערוויסעס וועלכע זענען דא צו באקומען אין ניו יארק סטעיט פאר אזעלכע וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך אדיקשען און פאר זייערע פאמיליעס. די קאמפיין איז אויסגעשטעלט צו אויפקלערן די פובליקום איבער די פאטענציאלע סכנות פון פענטאניל און אזוי אויך איבער די וויכטיגקייט פון שאדן רעדוקציע סערוויסעס און איבער וויאזוי און וואו צו טרעפן הילף פאר אדיקשען אין ניו יארק סטעיט. אלץ חלק פון די קאמפיין, קומט די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports, OASAS) אויך ארויס מיט א שותפות מיט NEXT Distro צו פארמערן צוטריט צו די אָווערדאָוז-אפשטעלנדע מעדיצין נעילאַקסאָן. די שותפות איז פינאנצירט דורך ניו יארק סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע (Office of Addiction Services and Supports), און עס וועט ערלויבן מענטשן צו באקומען נעילאַקסאָן דורך די פאסט פאר אומזיסט. צו באגלייטן די באמיאונגען, קומט די OASAS אויך ארויס מיט א נייע אויפקלערנדע פאדקאסט סעריע אונטער די טיטל "Addiction: The Next Step" (אדיקשען: די קומענדיגע טריט). די פאדקאסט וועט אויפקלערן די פובליקום איבער אלע געביטן פון אדיקשען און איבער די ארבעט פון די OASAS, און עס וועט פארשפרייטן געשיכטעס פון מענטשן וועלכע זענען אין ערהוילונג.

"די השפעה פון פענטאניל און די אנגייענדע אפיויד און אָווערדאָוז קריזיס זעצט פאר צו געפילט ווערן דורך ניו יארקער אין יעדע קאמיוניטי אריבער די סטעיט, און מיר ארבעטן ארום דעם זייגער צו אדרעסירן די פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר דארפן נעמען יעדע מעגליכע טריט צו ראטעווען לעבנס, און דאס הויבט זיך אן מיטן אויפקלערן ניו יארקער איבער די סכנות פון די מאטעריאלן און איבער די הילפס-מיטלען וועלכע זענען דא צו באקומען צו העלפן די וועלכע זענען באטראפן געווארן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע קאמישאנער, דר. טשינאַזאָו קאנינגהעם, האט געזאגט,** "מיר גייען אריבער די ערגסטע אָווערדאָוז קריזיס אין היסטאריע. עס איז וויכטיגער פון סיי ווען אז מיר זאלן אינפארמירן די פובליקום איבער די אנגייענדע ריזיקעס און איבער די סערוויסעס און שטיצע וואס זענען דא צו באקומען דא אין ניו יארק. די קאמפיין און פאדקאסט סעריע איז נאך א וועג פאר אונז צו ארויסשיקן די מעסעדזש אז הילף איז דא צו באקומען אויף יעדע טריט פון די וועג, נישט קיין חילוק וועלכע סארט שטיצע מענטשן דארפן אדער וואו זיי וואוינען. אין צוגאב, דורכן צושטעלן נעילאַקסאָון פאר אומזיסט, גיבן מיר פאר מענטשן א וויכטיגע כלי צו העלפן אפשטעלן אָווערדאָוזעס און ראטעווען לעבנס אין זייערע קאמיוניטיס."

פענטאניל איז א דראג וואס האט די פאטענציאל צו זיין גאר סכנות'דיג, קענענדיג זיין 100 מאל אזוי שטארק ווי הערָאוין. כאטש פענטאניל האט געוויסע לעגאלע מעדיצינישע באנוצן, זעצט די באנוץ מיט אומלעגאלע פענטאניל און ענליכע נאכגעמאכטע סינטעטישע דראגס צו שטייגן, און דאס קען האבן שרעקליכע קאנסעקווענצן. פענטאניל איז באזונדערס סכנות'דיג ווייל עס ווערט אפט אריינגעמישט אין אנדערע דראגס ווי הערָאוין אדער קאָוקעין אן די וויסן פון מענטשן וואס נוצן די דראגס, און דאס פארגרעסערט באדייטנד די סכנה פון א פאטענציאלע אָווערדאָוז. פענטאניל האט יעצט א חלק אין אומגעפער 75% פון אָווערדאָוז טויטפעלער אין ניו יארק סטעיט.

די OASAS האט געארבעט צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט די פאטענציאלע סכנות פון פענטאניל באנוץ דורך מערערע באמיאונגען, אריינרעכנענדיג אויפקלערן מענטשן וויאזוי צו דערקענען די סימנים פון פענטאניל אדער פון אן אפיויד אָווערדאָוז, וויאזוי צו רעאגירן צו אן אָווערדאָוז און גיבן נעילאַקסאָון און עצות וויאזוי צו פארמיידן אן אָווערדאָוז. אונזערע אנגייענדע פארמיידונג פראגראמען און אויפקלערונג באמיאונגען אריבער די סטעיט, אריינרעכנענדיג אין סקולס, זענען אויך קאנצענטרירט אויף צו אינפארמירן ניו יארקער איבער פענטאניל און אנדערע אומלעגאלע דראגס.

פרידער די יאר איז די OASAS אריין אין א שותפות מיט NY MATTERS (ניו יארק מאכט אויס) צו עפענען א נייע באשטעלונג סיסטעם סיי פאר פּראָווײַדערס און סיי פאר פריוואטע מענטשן וועלכע ווילן באשטעלן פענטאניל טעסט סטריפס. זינט עס איז ארויסגעקומען אין פעברואר זענען מער פון 1.1 מיליאן פענטאניל סטריפס באשטעלט געווארן. אומזיסט זיילעזין טעסט סטריפס און נעילאַקסאָון זענען אויך דא צו באקומען דורך די זעלבע באשטעלונג סיסטעם, און מער פון 230,000 זיילעזין טעסט סטריפס זענען באשטעלט געווארן זינט זיי זענען צום ערשט געווען צו באקומען אין מאי.

**'שאדן רעדוקציע דעליווערט' קאמפיין**

די 'שאדן רעדוקציע דעליווערט' (Harm Reduction Delivered) קאמפיין בויט ארויף אויף די אנגייענדע באמיאונגען, מיט אן אדווערטייזמענט קאמפיין צו אופקלערן ניו יארקער איבער די פאטענציאלע סכנות פון פענטאניל. די מולטי-מידיע קאמפיין וועט אויפשפילן אדווערטייזמענטס אויף טעלעוויזיע, אויף די ראדיאו, אויף געסער שילדן און אין אנדערע עפנטליכע פלעצער, און אזוי אויך דיגיטאלע אדווערטייזמענטס אויף סאָושעל מידיע.

אין צוגאב צום ארויסברענגען די פאטענציאלע סכנות פון פענטאניל און וויאזוי ניו יארק סטעיט ארבעט צו אדרעסירן די קריזיס, וועט די קאמפיין אויך פארמערן די באקאנטשאפט מיט שאדן רעדוקציע סערוויסעס. שאדן רעדוקציע איז א וויכטיגע חלק פון די רייע פון קעיר מיטלען וועלכע זענען דא צו באקומען אריבער די סטעיט, און עס רעכנט אריין זאכן ווי דאס פארטיילן נעילאַקסאָון און טעסט סטריפס, באמיאונגען צו פארמערן מעדיצינען פאר אדיקשען באהאנדלונג, ארבעט צו רעדוצירן סטיגמעס און אויפקלערונג איבער אָווערדאָוז פארמיידונג.

די קאמפיין אדרעסירט אויך די וואקסנדע צאל פון אפיויד אָווערדאָוזעס אריבער ניו יארק סטעיט דורך א נייע שותפות צו צושטעלן נעילאַקסאָן. די OASAS גייט אריין אין א שותפות מיט NEXT Distro צו צושטעלן נעילאַקסאָן אומזיסט פאר מענטשן אריבער די סטעיט. אין די פארגאנגענהייט האבן נאר פראָווידערס פון די OASAS און פון די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health) געקענט דירעקט באשטעלן נעילאַקסאָן. דורך א [נייע באשטעלונג פלאטפארמע](#) קענען מענטשן יעצט באשטעלן נעילאַקסאָן צו געשיקט ווערן צו זיי דירעקט דורך די פאסט. אין צוגאב צו נעילאַקסאָן, וועלן אויך צוגעשטעלט ווערן אויפקלערונג מאטעריאלן איבער וויאזוי צו נוצן נעילאַקסאָן, וואו צו טרעפן באהאנדלונג פאר אפיויד באנוץ קראנקהייט און אנדערע הילפס-מיטלען.

פאר מענטשן וועלכע ווילן זיך אויסלערנען וויאזוי צו נוצן נעילאַקסאָן, אפפערט די OASAS [ווירטואלע נעילאַקסאָן טרענירונג קלאסן](#) וועלכע זענען אפן פאר די פובליקום, און קלערן אויף מענטשן וויאזוי צו דערקענען אן אָווערדאָוז, רעאגירן דורכן געבן נעילאַקסאָן און וואס צו טוהן נאך די נעילאַקסאָן איז געגעבן געווארן.

די קאמפיין ווערט אויך געשטיצט מיט פעדעראלע פינאנצירונג דורך די סטעיט'ס 'אפיויד אפרופונג און דראג אביוז פארמיידונג און באהאנדלונג' (Opioid Response and Substance Abuse Prevention and Treatment) גרענטס, און אזוי אויך פינאנצירונג פון ניו יארק סטעיט'ס אפיויד סעטלמענט קאסע.

**פאדקאסט Addiction: The Next Step**

די OASAS קומט אויך ארויס מיט א פאדקאסט צו אויפקלערן די פובליקום איבער אדיקשען, די סערוויסעס און שטיצע מיטלען וואס זענען דא צו באקומען פאר ניו יארקער און וויאזוי צו צוקומען צו הילף. "Addiction: The Next Step" (אדיקשען: די קומענדיגע טריט) ווערט אנגעפירט דורך געוועזענע ראדיאו/טעלעוויזיע זשורנאליסטן, און עס וועט מארח זיין פראפעסיאנאלן און אנדערע OASAS ארבייטער אלץ געסט, וואו זיי וועלן מיטטיילן פון זייער מומחיות'שאפט איבער פארשידענע געביטן פון אדיקשען און די סיסטעם פון קעיר אין ניו יארק סטעיט.

די ערשטע פרק וועט מארח זיין קאמישאנער טשינאַזאָ קאנינגעהעם, גיבנדיג אן אריינפיר צו OASAS, איר מיסיע און איבער די אדיקשען סערוויסעס סיסטעם אין ניו יארק סטעיט. צוקונפטיגע פרקים וועלן זיין קאנצענטרירט אויף OASAS פארמיידונג, שאדן רעדוקציע, באהאנדלונג און ערהוילונג סערוויסעס, און איבער וויאזוי די ספעציאליזירטע סערוויסעס שפילן וויכטיגע ראלעס ביים העלפן ניו יארקער צוקומען צו די צוגעפאסטע הילף וואס זיי דארפן. עטליכע פרקים וועלן אויך אריינרעכענען שמועסן מיט ניו יארקער וועלכע זענען אין ערהוילונג, און אזוי אויך אנדערע וועלכע האבן פערזענליכע ערפארונג מיטן העלפן די וועלכע זענען באטראפן דורך אדיקשען.

פרקים וועלן פארעפנטליכט ווערן וועכנטליך און זענען דא צו באקומען דורך אוידאו און פאדקאסט עפּס, און זיי וועלן אויך ארויפגעלייגט ווערן אויף די [OASAS'ס וועבזייטל](#) און אויף די אגענטור'ס [Twitter](#), [Facebook](#) און [Instagram](#) פעידזשעס.

ניו יארק סטעיט באקומט מער פון 2 ביליאן דאלאר דורך פארשידענע סעטלמענט אפמאכן מיט אפיויד און מעדיצינען פירמעס וועלכע זענען פאראנטווארטליך געווארן דורך אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס. א חלק פון די סעטלמענט געלטער וועלן גיין דירעקט צו לאקאלע רעגירונגען, און די רעשט וועט אריינגעלייגט ווערן אין א ספעציעלע קאסע צו שטיצן פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג באמיאונגען צו אדרעסירן די אנגייענדע אפיויד מגיפה.

דער זעלבער געזעץ וואס האט אויפגעשטעלט די ספעציעלע קאסע האט אויך אוועקגעשטעלט די אפיויד סעטלמענט קאסע אדווייזארי באורד מיט די אויפגאבע צו אהערשטעלן רעקאמענדאציעס איבער וויאזוי

סעטלמענט געלטער זאלן פארטיילט ווערן כדי צו דינען די וועלכע נויטיגן זיך דערין אויפן בעסטן פארנעם. די באורד מיטגלידער האבן פארעפנטליכט זייערע ערשטע רעקאמענדאציעס נאוועמבער 1, 2022, שטעלנדיג אלץ הויפט פריאריטעטן צו פארברייטערן שאדן רעדוקציע סערוויסעס און באהאנדלונג.

ניו יארק סטעיט האט אייגעפירט אן אגרעסיווע, פיל-צייניגע צוגאנג צו אדרעסירן די איבערדאזע עפידעמיק, און באשאפן א פאלק-פירנדיגע המשך פון אדיקציע קעיר מיט פולע פארמיידונג, היילונג, גענעזונג און שאדן-פארקלענערונג סערוויסעס. די סטעיט האט געארבעט צו פארברייטערן צוטריט צו טראדיציאנאלע סערוויסעס, אזוי ווי קריזעס סערוויסעס, אינשפיטאליג, אמבולאטאריש, און איינוואוינערישע היילונג פראגראמען, ווי אויך מעדיצינען צו היילן אדיקציעס, און מאבילע היילונג און טראנספארטאציע סערוויסעס.

גאווערנאר האוקאל איז געווען א מיטגליד פון די NYC העראיאין און אפיויד איינהייט ( NYS Heroin and Opioid Task Force) וועלכע האט אין 2016 רעקאמענדירט נייע, נישט-טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג ערהוילונג צענטערן, יונגווארג קלאבהייזער, פארברייטערטע סערוויסעס פון מדריכים וואס זענען אליינס אריבער אדיקשען, און אפענע צוטריט צענטערן וואס שטעלן צו באלדיגע אונטערזוכונגען און שיקן פאר ווייטערדיגע קעיר. די סערוויסעס זענען זינט דאן אוועקגעשטעלט געווארן אין מערערע קאמיוניטיס ארום די סטעיט, און זיי האבן געהאלפן מענטשן אין נויט צו האבן צוטריט צו קעיר נאענטער צו וואו זיי וואוינען.

ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך מיט אן אדיקשען, אדער וועמענס באליבטע מוטשענען זיך מיט אן אדיקשען, קענען טרעפן הילף און האפענונג דורכן אנרופן די סטעיט'ס אומזיסטע HOPE האטליין, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורכן טעקסטן צו 467369 (וואס שטייט פאר HOPENY).

אדיקשען באהאנדלונגען וואס זענען דא צו באקומען – אריינרעכענענדיג קריזיס/דיטאַקס, אין-פעישענט, אַוט-פעישענט אדער פלעצער וואו פאציענטן וואוינען – קענען געפונען ווערן דורכן נוצן די NYS OASAS באהאנדלונג אוועילעביליטי דעשבאָורד אויף [FindAddictionTreatment.ny.gov](FindAddictionTreatment.ny.gov) אדער דורך די [NYS OASAS וועבזייטל](NYS OASAS וועבזייטל).

אויב איר אדער א באליבטע אייערס האט געהאט שוועריגקייטן מיט אינשורענס אין פארבינדונג מיט באהאנדלונג אדער דארף הילף אריינצוגעבן אן אפעלירונג פאר א צוריקגעוויזענע קלעים, פארבינדט אייך מיט די CHAMP הילף ליניע דורכן טעלעפאן אויף 888-614-5400 אדער דורך אימעיל אויף [ombuds@oasas.ny.gov](mailto:ombuds@oasas.ny.gov).

###